**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/24/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווארנער האקול מעלדט לאנג-דויערנדע ערנערגיע סטארידזש דעמאנסטראציע נוצנדיג פייער-זיכערע בעטערי טעכנאלאגיע**

***ניו יארק פאוער אטאריטעט, ראקלענד קאונטי-באזירטע שטאטישע עלעקטרישע קראפט און EPRI צו אנטוויקלען איינריכטונגען אין וועסטשעסטער קאונטי און ביי SUNY אנעאנטא צו ווייזן לעבנספעהיגקייט פון פייער-פארזיכערטע סטארידזש טעכנאלאגיע***

***יו.עס. אפטיילונג פון ענערגיע פינאנצירונג צו פארבעסערן נייע טעכנאלאגיע, שטיצט ברייטערע באנוץ פון באנייבארע ענערגיע אויף עלעקטרישע נעץ***

גאווארנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז ניו יארק סטעיט וועט באקומען יו.עס. אפטיילונג פון ענערגיע (U.S. Department of Energy, DOE) פינאנצירונג פאר א לאנג-דויערנדע ענערגיע סטארידזש דעמאנסטראציע פראיעקט וואס וועט נוצן פייער-פארזיכערטע בעטערי טעכנאלאגיע. די טעכנאלאגיע קען ווערן גענוצט אין שטאטישע און דארפישע אומגעבונגען צו דעמאנסטרירן א סטאבילע ענערגיע סופליי דורכאויס שטארק פארלאנגטע צייטן און אין עקסטרעמע וועטער צושטאנדן. די היינטיגע מעלדונג שטיצט די קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ ציהל און צייכנט אפ פארשריט צו דערגרייכן א פאלק-פירנדע זעקס גיגאוואט פון ענערגיע סטארידש ביז 2030.

"ענערגיע סטארדידש וואס פארזיכערט א זיכערע און פארטרויבארע פאוער סופליי איז קריטיש צו ניו יארק'ס ריינע ענערגיע צוקונפט," **האט גאווארנער האקול געזאגט.** "דורך שטיצן אנפירנדע פראיעקטן-אזויווי די איינשטעלונגען וואס שטעלן צו פארמערטע סטארידש צייט-וועלן מיר באשטעטיגן נייע טעכנאלאגיעס און אילוסטרירן וויאזוי נעץ סטארידש קען ווערן זיכער און עפעקטיוו אינטעגרירט אין געמיינדעס דורכאויס די סטעיט."

די פראיעקט וועט ווערן אנטוויקלט דורך די ניו יארק פאוער אטאריטעט (New York Power Authority, NYPA), ראקלענד קאונטי-באזירטע שטאטישע עלעקטרישע פאוער ( Rockland County-based Urban Electric Power (UEP)) און עלעקטרישע פאוער אויספארשונג אינסטיטוט ( Electric Power Research Institute, EPRI) מיט א אינסטאלאציע ביי וועסטשעסטער קאונטי'ס גראזלאנד רעזערוואציע אין וואלהאלא און נאך איינס ביי די סטעיט אוניווערזיטעט פון ניו יארק'ס (State University of New York, SUNY) אנעאנטא קאמפוס.

די פראיעקט איז געווארן אויסגעוועלט צו באקומען פינאנצירונג דורך די DOE מיט די ציל צוצוברענגען איינפלוסרייכע לאנג-דויערנדע ענערגיע סטארידש (long-duration energy storage, LDES) דעמאנסטראציע פראיעקטן פעהיג צוצושטעלן עלעקטריציטעט פאר 10-24 שעות, איבערשטייגנדיג די טראדיציאנעלע קורץ-דויערנדע סיסטעמען וואס ליטיום-יון קען נארמאל שטיצן. די פינאנצירונג אוואָרד פון מער ווי 6.5 מיליאן דאלאר וועט דעקן האלב פון די 13.1 מיליאן דאלאר פאריעקט קאסטן און איז ערמעגליכט געווארן דורך די אינפארסטרוקטור אינוועסטירונג און דזשאבס געזעץ.

די פאוער אטאריטעט, די פאלק'ס גרעסטע סטעיט דינסט-פראגראם, האט געוויזן פאכמאנישקייט אין ריינע ענערגיע טעכנאלאגיע און וועט זיך צאמשטעלן מיט UEP, א בעטערי פאבריצירער באזירט אין פערל ריווער, צו העלפן LDES סיסטעמען אריבערגיין די טעכנישע און אינסטיטוטישע שוועריקייטן צו דערגרייכן ברייטערע באנוץ. EPRI, א אומאפהענגיגע, נישט-פאר-פראפיט ענערגיע אויספארשטונג און אנטוויקלונג (R&D) ארגאניזאציע, שטעלט צו טעכנישע און אינדוסטרי פאכמאנישקייט און אנווייזונגען אויף טעכנאלאגיע גרייטקייט, זיכערהייט אפשאצונגען, פרובירן אויס פראטאקאל אנטוויקלונג, טעכנא-עקאנאמישע אנאליזן, אפעראציעס פלאן, און די געמיינדע בענעפיטן פלאן.

**ניו יארק פאוער אטאריטי פרעזידענט און CEO יוסטין אי. דריסקאל האט געזאגט,** "די פאוער אטאריטעט איז אינוועסטירט נוכצוגיין די אנטוויקלונג פון די נויטיגע טעכנאלאגיע וואס וועט שטיצן די איינפירונג פון באנייבארע גענעראציע און אין די זעלבע צייט פארזיכערן אז עס איז דא פאוער דורכאויס שטארק פארלאנגטע צייטן. די נייסטע, לאנג-דויערנדע ענערגיע סטארידזש פראיעקטן זוכט צו דעמאנסטרירן א מער זיכערע ריינע ענערגיע טעכנאלאגיע, באוויזנדיג ניו יארק סטעיט'ס פירערשאפט אין פארשנעלערן די טויש צו באנייבארע ריסאורסעס און באשטעטיגן די באנוץ פון די סיסטעמען צוזושטעלן קליענט געברויכן און קאמערציעלע פעהיקייט."

**אורבאן עלעקטרישע פאוער CEO סאנדזשאוי באנערדזשעי האט געזאגט,** "עס איז אן עהרע צוזושטעלן די ענערגיע סטארידזש לעזונג פאר די דורכברעכנדע פראיעקטן. אזויווי די פארלאנג פאר לאנג דויערנדע ענערגיע סטארידזש וואקסט, שטייט UEP'ס אינאוואטיווע זינק-מאנגאנעז טעכנאלאגיע ארויס אלס א קאסט-עפעקטיווע און זיכערע אלטערנאטיוו. די פראיעקטן זענען געמאכט צו פארבעסערן די שטאנדהאפטיגקייט פון ניו יארק'ס עלעקטרישע נעץ און דעמאנסטרירן די קריטישע ביישטייער פון זינק בעטעריס צו א אנהאלטנדע ענערגיע לאנדשאפט."

**עלעקטרישע פאוער אונטערזוך אינסטיטוט וויצע פרעזידענט פון אינטעגרעיטעד גריד און ענערגיע סיסטעמען דאניעל ברוקס האט געזאגט,** "EPRI איז שוין פון לאנג ביי די שפיץ פון בעטערי סטארידזש זיכערהייט אונטערזוך און באמיאונגען צוזושטעלן געטרויבארע, שטאנדהאפטיגע ענערגיע צו באנוצערס. מיר קוקן ארויס אנטייל צו נעמען אין די פראיעקט, ארבעטנדיג מיט צוזאמענארבעטער אויף באמיאונגען צוזושטעלן געטרויבארע פאוער דוכאויס צייטן פון עקסטרעמע וועטער און שטארקע פארלאנג."

די טעכנאלאגיע ווערט אינסטאלירט אין צוויי אנדערע ראיאנישע פלעצער אין ניו יארק סטעיט צו דעמאנסטרירן פעהיגקייט אין פארשידארטיגע געאגראפישע אומשטענדן פאר פארשידענע לאוד אייגנשאפטן. יעדע סיסטעם וועט זיין 300 קילאוואטס מיט 12 אדער מער שעות פון אפערירן און פארשלאגן די מעגליכקייט צו נידערן עלעקטריק בילס דורך פארלאנג טשארדזש פארמינערונג פון פיק שעיווינג (peak shaving). די SUNY אנעאנטא פראיעקט וועט אויך שטיצן א צוקונפטיגע אויפן-פלאץ סאלאר פראיעקט, העלפנדיג דערגרייכן די קאמפוס'ס לאנג-צייטיגע ריינע ענערגיע פלענער. די פונקטליכע לאקאציע פון יעדע קאמפוס וועט באשטימט ווערן אלס טייל פון די ערשטע פאזע פון ארבעט. בויארבעט וועט זיך אנפאנגען אין 2026 און די איינריכטונגען וועלן זיין גרייט צום נוצן אין 2028.

די פאוער אטאריטעט וועט שטיצן די סטארידזש פראיעקטן מיט ענערגיע ערציאונג אויסגרייכונג פראגראמען צו אונטער-ריסאורסד געמיינדעס באזירט נעבן די דעמאנסטראציע פלעצער. NYPA, דורך איר אוועקגעשטעלטע ענוויראמענטאל גערעכטיגקייט פראגראם, וועט שטיצן א געמיינדע בענעפיט פלאן קאנצענטרירט אויף ערציאונגס פראגראמירונג, צושטעלן STEM, קאריערע און קאלעדזש גרייטקייט, און ערוואקסטענע ענערגיע קענטעניס ווארקשאפס אויף ענערגיע סטארידזש. א געמיינדע סטעיקהאולדער ארבעט גרופע וועט פארמירט ווערן אריינגעמענדיג לאקאלע שולעס, רעגירונגען, אוניווערזיטעטן, געמיינדע קאלעדזשעס און געמיינדע ארגאניזאציעס. די ארבעט גרופע וועט פירן די אנטוויקלונג און איינשטעלונג פון די פראגראמען וואס וועט פריאריטיזין באזייטיגטע באפעלקערונגען.

לויט די DOE, זענען די היינטיגע ענרעגע סטארידזש טעכנאלאגיעס נישט גענוג באלאנסירט אדער צוגענגליך צו שטיצן די ברייטערע באנוץ פון באנייבארע ענערגיע אויף די עלעקטרישע נעץ. ביליגערע לאנג-דויערנדע ענערגיע סטארידזש קען פארמערן נעץ פארטרויבארהייט און שטאנדהאפטיגקייט אזוי אז ריינע, פארטרויבארע, צוגענגליכע עלעקטריציטעט איז ערמעגליכט פאר יעדעם. די אויסגעוועלטע פראיעקטן וועלן אויך העלפן דערגרייכן DOE'ס ציל דורכאויס די פאלק פון פארמינערן סטארידזש קאסטן מיט 90 פראצענט דורכאויס די יאר-צענדליג און

דעמאנסטרירן די מעגליכקייט צו שאפן לאנג-צייטיגע, הויכע קוואליטעט דזשאבס אין ריינע ענערגיע פאבריצירונג, אינסטאלירונג און אנהאלטונג.

אזוווי באנייבארע פאוער קוועלער אזוווי ווינט און סאלאר שטעלן צו א וואקסנדע טייל פון ניו יארק סטעיט'ס עלעקטריציטעט, וועט סטארידזש לאזן צוטריט צו ריינע ענערגיע ווען עס איז די מערסטע נויטיג. ניו יארק צילט איינצושטעלן 6,000 מעגאוואטס פון סטארידזש ביז 2030 און לעצטע יאר, האט גאווארנער האקול צאמגענומען א אינטער-אגענטור פייער זיכערהייט ארבעט גרופע צו מאכן פארשלאגן איבער בעטערי זיכערהייט פראבלעמען.

**זינק בעטעריס (Zinc Batteries): פארזיכערט און דא צו באקומען**
די פראיעקטן וועלן דעמאנסטרירן די פעהיגקייט פון UEP'ס זינק מאנגאניז דיאקסיד בעטעריס אין גרויסע-פארמאט און לאנג-דויערנדע ענערגיע סטארידזש סיסטעמען. די בעטעריס נוצן א פייער-פארזיכערטע כעמיסטרי נוצנדיג ביליגע און ברייט צו באקומען, ערד פולע רויע מאטעריאלן וואס קען ווערן צוגעשטעלט דורך די עקזיסטירנדע סופליי- און מער ווי 75 פראצענט פון UEP'ס רויע מאטעריאל ליפעראנטן זענען באזירט אין די יו.עס. די בעטעריס האבן די זעלבע כעמיסטרי ווי הייםבאנוצטע בעטעריס און זענען ערווארטעט צו ווייזן ענליכע פונקציאנירונג צו ליטיום-יון בעטעריס אן די פארבינדענע זיכערהייט און סופליי טשעין פראבלעמען.

א סוקסעספולע דעמאנסטראציע קען ערמעגליכן מארקעט אדאפטירונג פון UEP'ס טעכנאלאגיע דורך צושטעלן פארמינערטע טעכנאלאגיע ריזיקע און פארמינערן פארלאנג אויף נעץ אינפראסטרוקטור דורך פארמינערטע פיק (peak) פארלאנג לאוד. די בעטעריס זענען סוקסעספול געפירט געווארן אויף קלענערע גרויסקייטן אין עטליכע ענערגיע סטארידזש אינסטאלאציעס.

**SUNY טשענסלאר דזשאן ב. קינג, דזשוניאר האט געזאגט,** "אונזערע וואונטשן צו SUNY. אנעאנטא אויף איר אויסוואל אלס איינס פון די צוויי פלעצער פאר די נייסטע, לאנג-דויערנדע ענערגיע סטארידזש דעמאנסטראציע פראיעקט, וועלכע האט די מעגליכקייט צוצושטעלן קלימאט שטאנדהאפטיגקייט און פארלאנגען פארוואלטונג בענעפיטן. דאס וואס די פראיעקט איז דירעקט פארבינדן צו די קאמפוס'ס פארטיילונג סיסטעם איז נאר נאך א ביישפיל פון וויאזוי SUNY ארבעט צוזאמען מיט אונזער סטעיט און פעדעראלע פארטנערס צו אנטוויקלען נייע וועגן צו אנהאלטנדיג באקרעפטיגן אונזערע קאמפוסעס און, ענדגילטיג, פאראויס רוקן גאווארנער האקול און ניו יארק סטעיט'ס שטרעבנדע קלימאט צילן."

**SUNY אנעאנטא פרעזידענט אלבערטא דזשעי.עף. קארדעל האט געזאגט,** "SUNY אנעאנטא איז איבערגעגעבן זיך צוזאמעצושטעלן מיט ענווייראמענטאל זעהערס אין ניו יארק סטעיט און ווייטער. נוצנדיג אונזער קאמפוס צו אריינגעמען און שטודירן די נייע ריינע ענערגיע טעכנאלאגיע איז א ווערטפולע געלעגנהייט צו בויען דערגרייכבארע לעזונגען צו אונזער ראיאנישע ענערגיע געברויען, צושטעלן ערציאונגס פראגראמירונג פאר אונזערע סטודענטן און געמיינדע, און אנפאנגען נייע עקאנאמישע אנטוויקלונג באמיאונגען אין די מאהאווק וועלי. אלס קא-טשעיר פון SUNY'ס סוסטעינעביליטי אדווייזארי קאונסיל, קוק איך ארויס צו ארבעטן מיט אונזערע פארטנערס דורכאויס SUNY אויף געלעגנהייטן צו באיינפלוסן און בויען אויף די ניי-פירנדע איניציאטיוו."

**סענאט מעידזשאריטי פירער טשוק שומער האט געזאגט,** "ווען עס קומט צו באגייסטערנדע נייע טעכנאלאגיעס אזוווי די לאנג-דויערנדע ענערגיע סטארידזש פראיעקט אין ניו ירק, די געהיימע סאוס איז פעדעראלע אינוועסטירונג פון אונזער בייפארטיסאן אינפראסטרוקטור & ארבעטס געזעץ מוטיגנדיג די בעסטע פובליק און פריוואטע וויסנשאפט און אונטערזוך - אזוווי געטון דורך און NYPA און ראקלענדס אורבאן עלעקטרישע פאוער - צו פערפעקציאנירן בעטערי און ענערגיע סטארידזש טוישונגען, פארברייטערן ריינע ענערגיע און שאפן ארבעטגעלעגנהייטן. בעסערע, מער עפעקטיווע, מער זיכערע בעטערי סטארידזש טעכנאלאגיע - וואס קען אויך העלפן האלטן נידעריג ענערגיע קאסטן - וועט העלפן ניו יארקערס פארמינערן אפהענגליכקייט אויף שמוציגע פאסיל פועלס, ענערגיזירן די עקאנאמיע און שטיצן די קאמף קעגן קלימאט טוישונגען. איך בין שטאלץ צו העלפן צושטעלן די באדייטנדע פעדעראלע אינוועסטירונג צו NY און בין דאנקבאר פאר גאווארנער האקול'ס ארבעט פארזיכערנדיג אז די פעדעראלע פינאנצירונג איז גענוצט צו באקרעפטיגן NY'ס ריינע ענערגיע צוקונפט."

**מעידזשאריטי פיערע אנדרעא סטעווארט-קוזינס האט געזאגט,** "ווען מיר ארבעטן ווייטער צו אונזער אגרעסיווע קלימאט צילן, איז די גרענט צוגעשטעלט דורך די יו.עס. אפטיילונג פון ענערגיע צו שטיצן לאנג-טערמיניגע בעטערי סטארידזש נוצנדיג פייער-זיכערע בעטערי טעכנאלאגיע, קריטיש צו ניו יארק'ס ריינע ענערגיע צוקונפט. מיט

איינשטעלונגען אין וועסטשעסטער קאונטי'ס גראזלאנדס רעזערוואציע אין וואלהאלא און SUNY אנעאנטא, וועט די פראיעקט דעמאנסטרירן די פעהיגקייט פון לאנג-דויערנדע ענערגיע סטארידש ווען מיר פירן ווייטער אונזער אויפטוישונג צו באנייבארע ריסאורסעס. די גרענט ערלויבט פאר די מעגליכקייט צו פארמינערן עלעקטריציטעט בילס פאר קליענטן אין אונזער געמיינדע, וואס איז שטארק נויטיג אין א צייט ווען ענערגיע קאסטן זענען הויך. איך לויב אויס גאווארנער האקול און אונזערע פארטנערס פאר זייער איבערגעגעבנקייט צו פארבעסערן אנהאלטנדע ענערגיע לעזונגען און פארבעסערן אונזער סטעיט'ס ענערגיע שטאנדהאפטיגקייט."

**סטעיט סענאטער פיטער אבערהאקער האט געזאגט,** "מיינע וואונטשן צו די ניו יארק פאוער אטאריטעט פארן פארזיכערן די גרענט פון די יונייטעד סטעיטס אפטיילונג פון ענערגיע. דאס איז א נויטיגע שריט צו פארבעסערן נעץ געטרויבארהייט פאר אונזערע געמיינדעס דורך לאנג-דויערנדע ענערגיע סטארידש, און איך קוק ארויס צו די פראיעקט'ס אינסטאלירונג אין SUNY אנעאנטא'ס קאמפוס."

**אסעמבלימעמבער דידי בארעט האט געזאגט,** "די היינטיגע מעלדונג פון מער ווי 6.5 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג פאר לאנג-דויערנדע ענערגיע סטארידש דעמאנסטראציע פראיעקטן איז א קריטישע שריט פאראויס צו רוקן אונזער ריינע ענערגיע טוישונג. די פייער-זיכערע LDES פראיעקטן וועלן האבן די מעגליכקייט צוצושטעלן עלעקטריציטעט פאר ביז 10-24 שעות, ערמעגליכנדיג ניו יארק סטעיט אנצוהאלטן פארטרויבארהייט פון די נעץ ווען מיר פארברייטערן ווייטער באנייבארע ענערגיע קוועלער. איך דאנק גאווערנער קעטי האקול און די יו.עס. אפטיילונג פון ענערגיע פאר זייער שטיצע פון די וויכטיגע פראיעקט."

**אסעמבלימעמבער ברייאן מילער האט געזאגט,** "פארזיכערנדיג די גרענט פון די US אפטיילונג פון ענערגיע איז א באדייטנדע מיילסטאון. מיר אפלאדירן די צוזאמענארבעט צווישן די ניו יארק פאוער אטאריטעט (NYPA), אורבאן עלעקטריק פאוער(UEP), און עלעקטריק פאוער אונטערזוך אינסטיטוט (EPRI), וועלכע וועלן נישט נאר ווייזן די נייסטע לאנג דויערנדע בעטערי סטארידש טעכנאלאגיע, נאר אויך פארשטארקערן ניו יארק'ס פארפליכטיגונג צו אינאוואטיווע ענערגיע לעזונגען. מיט איינס פון די אינסטאלאציעס באזירט אין SUNY אנעאנטא, זענען מיר אוועקגעשטעלט צו פירן דורך א ביישפיל, דעמאנסטרירנדיג די קריטישע ראלע וואס לאנג-דויערנדע סטארידש קען שפילן אין פארבעסערן נעץ שטאנדהאפטיגקייט."

**אסעמבלימעמבער מארידזשעין שימסקי האט געזאגט,** "לאנג-דויערנדע ענערגיע סטארידש איז די שליסל צו דערגרייכן די צילן פון ניו יארק'ס בוי פובליק ריניועבלס (Build Public Renewables) געזעץ. עס שטייט אויך צוצושטעלן עטליכע קאסטן פארמינערונגען צו אונזערע איינוואוינער דורך באלאנסירן פיק פארלאנג ( peak demand). ווען מיר קוקן צו ארויסבויען אונזער גרינע ענערגיע אינפראסטרוקטור, וועט די גראזלאנדס קאמפוס דינען אלס מאדעל סייט פאר נייע LDES טעכנאלאגיע און אנטוויקלונג. איך דאנק גאווארנער האקול און אונזערע פארטנערס אין די דעפארטמענט אוו ענערגיע פאר די אינוועסטירונג אין אונזער ראיאן."

**וועסטשעסטער קאונטי עקזעקיוטיוו דזשאורדש לאטימער האט געזאגט,** "דורך אריינגעמען די פראיעקט אין גראזלאנדס רעזערוואציע, נעמט וועסטשעסטער א טריט צו מער פארזיכערטע ריינערע ענערגיע. די נייסטע לאנג-דויערנדע סטארעדש איניציאטיוו איז ווייזט אויף אונזער איבערגעגעבנקייט צו באנייבארע ריסאורסעס, באוווייזנדיג ניו יארק סטעיט'ס פירערשאפט אונטער גאווארנער קעטי האקול. זיך צוזאמשטעלן מיט די פאוער אטאריטעט, אורבאן עלעקטריק פאוער און EPRI, ברענגען מיר פאראויס אינאוואציע, פארזיכערנדיג געטרויבארע פאוער און פארשטארקערנדיג אונזער איבערגעגעבנקייט צו ענווייראנמענטאל פארשריט און ענערגיע ערציאונג. צוזאמען, פארמען מיר אויס א אנהאלטנדע צוקונפט פאר אונזער געמיינדע און נאכמער."

**סיטי אוו אנעאנטא מעיאר מארק דרנעק האט געזאגט,** "אין נאמען פון די סיטי אוו אנעאנטא, וויל איך מיטטיילן אונזער צופרידנהייט אויף די מעגליכקייט פון די צוזאמענארבעט פון די סטעיט, SUNY אנעאנטא, און די ניו יארק פאוער אטאריטעט. לאנג-דויערנדע סטארידש קען צושטעלן שפארן פון קאסטן בענעפיטן פאר אונזערע בירגער און אין די זעלבע צייט פארזיכערן א ענערגיע פעהיגקייט וואס וועט בענעפירטירן אונזער געמיינדע אין אומצאליגע וועגן. דאס איז א וואונדערליכע ביישפיל פון פארטנערשאפט פאר די טובה פון די פובליק, און מיר זענען דאנקבאר צו אלע וואס האבן דאס געמאכט געשען."

**ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט'ס קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום וויניגסטנס 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. ווערנדיג געוויזן די וועג דורך טייל פון די לאנד'ס מערסט-אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע אינציאטיוון, שטופט ניו יארק פאראויס א רייע פון באמיאונגען – אריינרעכענענדיג דער ניו יארק עמיסיע באגרעניצונג אינוועסטירונג (New York Cap-and-Invest, NYCI) פראגראם און אנדערע באגלייטנדע פאליסיס – צו דערגרייכן א 40 פראצענט רעדוקציע אין שעדליכע גאז עמיסיעס ביז 2030, און א 85 פראצענט רעדוקציע ביז 2050, אראפ פון די שטאפלען וואו עס איז געווען אין 1990. ניו יארק איז אויך אויף די רעלסן צו עררייכן איר ציהל צו האבן אן עמיסיע-פרייע עלעקטריציטעט סעקטאר ביז 2040, אריינרעכענענדיג צו אנקומען צו 70 פראצענט פון ענערגיע ווערנדיג אויפגעטריבן פון ריינע מקורות ביז 2030, און צו אנקומען צו א קארבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון די יאר-הונדערט. א צענטראלע פונקט פון די אריבערגאנג איז ניו יארק'ס פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג מער פון 28 ביליאן דאלאר אין 61 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע און עלעקטריציטעט דראטן פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסיעס פון געביידעס, 3.3 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאלאר ענערגיע, כמעט 3 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע אינציאטיוון און 130 סערטיפייד קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס, איבער 500 ריינע ענערגיע קאמיוניטיס, און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט אויפזיכט אינציאטיוו אין 10 באזייטיגטע קאמיוניטיס איבער די סטעיט צו העלפן באקעמפן לופט פארפעסטיגונג און קלימאט טויש.

**וועגן NYPA**
NYPA איז די גרעסטע סטעיט פובליק ענערגיע קראפט ארגאניזאציע אין דעם לאנד, אפערירנדיג 17 דזשענערעיטינג פאסיליטיס און מער ווי 1,550 מייל פון טראנסמיסיע ליניעס. מער ווי 80 פראצענט פון די עלעקטריק וועלכע NYPA פראדוצירט איז זויבערע רעניועבל הײדראָ-פּאַווער. NYPA פינאנצירט אירע אפעראציעס דורך דאס פארקויף פון באנדס און איינקונפט פארדינט אינגאנצן דורך פארקויפן עלעקטריק. פאר מער אינפארמאציע באזוכט [www.nypa.gov](www.nypa.gov) און פאלגט אונז נאך אויף [Twitter](Twitter), [Facebook](Facebook), [Instagram](Instagram), [Tumblr](Tumblr) און [LinkedIn](LinkedIn).

###

נאך נייעס איז דא צו לייענען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן